# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT.

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

Vol. II. 10
JUNE 1922

## WHAT A JEWISH RABBI HAS TO SAY

This is the season of the year when we Jews honor the Torah by celebrating the Feast of Shevuos; for this reason the following utterances coming from a rabbi are most fitting for The Shepherd of Israel to publish at this time. We Jews have been used to celebrating and honoring the giving of the Law of God in a worldly way. But here is an example of how the giving of God's word to us has to be celebrated, that is by accepting it, believing in it and following it, and we, every one of us, ought to follow the example of this rabbi, who says:

"Why have I become a Christian? (a follower of the Messiah. The word Christ means Messiah). One of the apostles of the Messiah says 'And be ready always to give an answer to every man that asketh you for a reason for the hope that is in you.' 1 Pet. 3:15. It is important to know why anybody becomes a Christian (follower of the Messiah), but more especially one who formerly was a rabbi in a Jewish communion. It is, indeed a grave question why I am a Christian? Why have I, once so set against Christians, because of the grievous wrong committed against our people by so-called Christian nations, now cast my lot with the Christians? Why do I, formerly in the habit of stopping my ears at the mere mention of the name of Jesus, now accepting Him as the true Messiah, as my personal Saviour and my Lord, whom I have learned to love, worship and adore?

Thank God, faith in Jesus the Messiah is not a blind belief, but a most reasonable one. It is not a tribal or national religion; the real Christian is such, not because his parents happened to be Christians, but because he deliberately and of his own free will chose that faith. He investigated and found that this faith in Christ the Messiah is based upon reason. Now, if anyone of all mankind has a reason for being a Christian, I, who am a Jew, must have reasons more peculiar than those of all peoples non-Jewish.

There is not a fundamental principle in the New Testament which is not taught in my Jewish Old Testament. In that imperishable, ever-sacred and God-given book, in that wonderful book which is my inalienable heritage, that Torah which I always admired, loved, kissed and almost worshipped, that wonderful book which I still admire and desire to honor above all other things in the world, in that very book I find myself condemned as a sinner before God whose holy laws I transgressed. God spoke once plainly 'cursed be he that confirmeth not all the words of this law to do them. Deut. 27:26. Certainly no man can change that anathema of God; it was this curse which weighed heavily on my heart, for I certainly have not kept all the laws of God. Shall I be accursed of God? But our merciful God gave us a remedy, how to have that curse removed. He says thru Moses, 'I have given it (the blood) to you upon the altar to make an atonement for your souls; for it is the blood that maketh an atonement for the soul.. Lev. 17:11. Please mark that it is the **blood** and not the giving of alms, fasting, praying or observing the Golden Rule, that can make atonement. To show the blood's satisfaction for sin, the sinner put his hands upon the victim's head, which represented the actual transfer of sin to the victim. Likewise, on the Day of Atonement, the high priest transferred the sins of the people to the scapegoat, which was then sent to the wilderness bearing upon its head the sins of the people. Lev. 16:. But where is the blood atonement now? Has not our temple been destroyed, have not our altars been thrown down? Where is the high priest to perform the sprinkling of the blood and thus make the atonement for our sins? Can you feel for me, having been all my life a strict observer of God's Word, having tried to please God in every way possible and yet realizing that I am a miserable sinner, not having been able to keep all the things commanded in that Holy Book? Can you measure the height and the depth of my anxiety? Can you fathom the extent of my craving for an atonement in order to be reconciled unto God thru a sacrifice of blood which He himself prescribed? But praised and blessed be the name of Jehovah, the God of my fathers, Who opened my eyes to see that the animal sacrifices only prefigured the atonement made by the Messiah. In Isa. 53 God speaks thru the prophet saying, 'And Jehovah hath laid upon Him the iniquity of us all. Thru His tripes we are healed. If thou wilt make His soul a sin offering' etc. Here is the suffering Christ, my Jewish Messiah. Here was the Jewish prophet foretelling me that since the animal sacrifice ceased, I, as an honest Jew, must accept Him, the Messiah, for my sin offering.

Do you ask me, how do I know that it refers to Jesus? Well, I can identify Him most positively. Many centuries before the advent of Jesus, the God of my fathers foretold that the Messiah must be God and man together. We read in Gen. 4:1 when Eve gave birth to her first son, she said, I have gotten a man who is Jehovah. God declared in Gen. 3:15 that the seed of the woman will bruise the head of the old serpent, Satan. Those words tho briefly written for us but more lengthily explained to Eve, conveyed God's promise of the Messiah to be born from a woman who would eventually conquer Satan and reconcile man unto God. Eve therefore thought that she was to give birth to that wonderful 'seed' who would be God Himself revealed in the flesh, for no mere human being could conquer Satan. Therefore when her first son came she thought this was the one and therefore she said, this man is Jehovah Himself. The second son that was born to her was called Abel, meaning vanity. Then I find in my beloved Hebrew book that the Word of God in Isa. 7 says that a virgin shall give birth to the Messiah, and history tells me that the Messiah Jesus was born of a virgin. My Bible tells me in Micah 5 that the great Messiah must be born in Bethlehem and history tells us that this Messiah Jesus was born in Bethlehem. My book tells me in Milachi 3, that this wonderful Messiah must come at the time of the second temple, and Jesus really came at that time. I find in that Book that the Messiah should do donderful works,, be poor, meek, suffering, be lifted up—be crucified—be mocked and scorned at, poured out like water, all the bones be out of joint, yet not one of His bones broken, must have vinegar and gall offered Him, His garment must be cast lots for, His side, His hands and feet must be pierced, should die with malefactors, and be buried in the grave of the rich, that He should rise from the dead and ascend into heaven. These, and many other particulars, having taken place with Him, identify Him and confirm my belief in Him beyond any question or doubt These are the reasons why I, being a Jew, true to the God of Israel, true to the Law giver Moses, true to my Jewish prophets, must believe in Jesus, the promised Messiah, my Saviour and Redeemer."



**BETH SAR SHALOM**
**Williamsburg Mission To The Jews**
**Throop Avenue and Walton Street**
**Brooklyn, N. Y.**

**OUR MEETINGS:**

Friday, Gospel Service........8.00 P. M.
Sunday, Gospel Service........8.00 P. M.
Monday, Testimony Meeting.....8.00 P. M.

Address all inquiries to 27 Throop Avenue Brooklyn, N. Y.

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רועה ישראל

והקמותי עליהם רעה אחד
יחזקאל לד 23

אני הוא הרעה הטוב
יוחנן 10·11

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

JUNE 1922
Vol. II. 10

## דאָקטוירים'ס מיינונג וועגען אידען.

פאר איניגע וואכען האט שטאטגעפונען א פערזאמלונג פון אידישע דאָקטוירים אין ניו יאָרק אין דער סאמע פיפטע עווענין.

דער צוועק פון דיעזער פערזאמלונג איז געוועזן צו באשפרעכען די גייסטיגע היגיענע צווישען אידען. עס איז אויסגעפונען געווארען אז צווישען אידען געפינט זיך מעהר גייסטיגע קראנקע ווי צווישען אנדערע ראסען. די דאָקטוירים ווילען דערפאר דערגעהן די סיבה פון דיעזער גייסטיגער מכה צווישען אידען. אין דער גאנצער וועלט האט מען באמערקט אז אידען זיינען נערוועז, צורודערט, מעלאנכאָליש, אויפגערעגט און פיעלע אנדערע סימפטאָמען וועלכע פיהרען די מעהרסטע פון די ליידענדע צו ווערען קאנדידאטען צום משוגעים הויז, ר"ל.

דר. מייערסאָן פון באָסטאָן האט זיין מיינונג געגעבען אז דאס איז געקומען צו אידען פון די גלות אומשטענדען. דהיינו, ווייל אידען האבען אין גלות תמיד געלעבט אין מורא. מ'האט אידען אייביג פערפאָלגט. און די מורא וואס די פערפאָלגונגען האבען ארויפגעווארפען אויף'ן איד האט איהם אפגעשוואכט אין גייסט, בעאונרוהיגט זיינע נערוועז, צומישט זיינע געדאנקען און קראנק געמאכט דעם מוח. און אז דיעזע קראנקהייט קומט בירושה צו קינדער און קינדס־קינדער.

דר. מייערסאָן וועט אונז דאס מאל מוחל זיין וואס מיר קענען מיט איהם ניט איינשטימען ווייל דיא "שגעון־מכה" האט זיך בייא אונזער פאָלק נאך אנגעהויבען לאנג בעפאר דעם גלות.

ווען מיר אידען ווילען עהרליך זיין צו זיך זעלבסט, דארפען מיר ניט געהן צו קיינע דאָקטוירים אויסצוגעפינען פון וואנען די שגעון־מכה האט זיך צו אונז גענומען. נייערט צו די הייליגע תורה, דארט וועל מיר שוין געפינען דעם מקור דערפון.

נאך איידער ישראל איז ארייגעגאנגען אין'ם פערשפּראָכענעם לאנד אריין, האט גאט ב"ה צו זיי געזאָגט נאך אין דער מדבר אז אויב זיי וועלען ניט צוהערען און ניט פאָלגען זיינע ווערטער וועט ער זיי דערפאר שטארק בעשטראָפען. איינס פון יענע שרעקליכע תוכחה מכות איז: "יככה ד' בשגעון". (דברים כ"ה)

מיר זעהע "משגעת סימפּטאָמען" בייא אונזערע אידישע עלטערען שוין דעמאָלס אין דער מדבר ווי באלד זיי האבען פערלוירען אמונה אין משה רבינו זיינען זייא נעביך משוגע געווארען און זיך געבוקט צו איין "עגל מסכה" (א פשוט'ן קאלב) און האבען געשריגען "אלה אלהיך ישראל". א גוט שטיקעל משוגעת, ניט אזוי?

יענער שגעון האט זיך שפּעטער מעהר ענטוויקעלט און פערשטארקט ווען אידען האבען ניט געוואלט צו הערען צו די נביאים וואס גאט ב"ה האט צו זיי געשיקט און האבען מקריב געווען זייערע צארטע קליינע אונשולדיגע קינדערליך צו דער עבודה־זרה מולך. (יחזקאל ט"ז, און כ"ג) מ'מוז זיין גוט משוגע אזא זאך צו טהון, הא?

אונזער גרעסטער שגעון איז אבער נעבעך געוועזען ווען מיר אלס א פאָלק האבען פארווארפען אונזער גרעסטעם ג ל י ק וואס איז געקומען צו אונז מיט קנאפּע 2000 יאר צוריק ווען מיר האבען אונזער הייליגען משיח פערווארפען און אוועקגעשטויסען פון אונז.

ווען א מוטער ווארפט אוועק איהר אייגען קינד און לאזט צו אז פרעמדע זאלען עס פייניגען און הרג'ענען, וועט מען דען ניט שליסען דערפון אז זיא איז נעביך משוגע? געוויס! ווייל זאנסט קען מען אזא זאך לחלוטין ניט טהון.

ווען ישוע המשיח איז געקומען נאך ירושלים האט ער בעוויזען באותות ומופתים אז ער איז דער משיח ישראל. למשל ער האט געהיילט אזאלכע אונהיילבארע קראנקע וואס קיינע דאָקטוירים האבען נישט געקענט היילען. ער האט לעבעדיג געמאכט א טויטען וואס איז שוין 4 טעג בעגראבען געווען אין דער ערד. עס פרעגט זיך וויא אזוי האט דאס עפּעס געקענט א אידישע נאציאָן ביי זיך רעכט מאכען, אזוי איינעם איבערצוגעבען אין גוי'שע הענד איהם צו פייניגען און צו הרג'ענען מיט אזא מיאוס'ען טויט ווען ניט דורך משגעת ר"ל.

אפילו פילאטוס דער רוימישער גאווערנער האט זיי געווארענט אז בכן, ער האט אין איהם קיין שולד געפונען. (לוקס כ"ג) זייער שגעון איז אבער אזוי שטארק געווען אז זיי האבען אפילו דעם גאווערנער אויך ניט געוואלט צו־הערען.

שגעון געהט אבער ליידער אויך איבער פון טאטעס צו קינדער און צו קינדס־קינדער. נאך עד היום שלעפּען זיך אידען נאך, נאך יענע סנהדרין און כהנים און פערווארפען דעם קדוש ישראל אויף וועמען אפילו משה רבינו האט אונז אנגעזאגט "אליו תשמעון". (דברים י"ח) דער שגעון איז אבער אזוי שטארק אז מ'וויל אפילו משה'ן אויך ניט צו־הערען.

מיר גלויביגע אין ישוע המשיח זענען אויסגעהיילט פון יענער שגעון־מכה. מיר געהען ניט נאך קיינעם'ס שגעון. מיר לעזען אין דעם דבר ד' אז ישוע איז דער משיח, גלויבען מיר דאס באמונה שלימה.

גאט ב"ה האט געזאגט דורך ישעיה הנביא אין קאפּ. כ"ח: "יצר סמוך תצר שלום שלום כי בך בטוח". ד"ה, ווער ס'פּארלאזט זיך אויף גאט און גלויבט אין זיין ווארט (וואס זאגט אז ישוע איז דער משיח אמת) וועט ער איהם אפּהיטען פון מורא און פון שרעק און ער וועט האבען שלום. (במילא ניט זיין משוגע).

דיא איינציגע רפואה פאר דעם אידישען שגעון (ר"ל) איז: "האמן באדון ישוע המשיח ותושע אתה וביתך". (מעשי השליחים ט"ז, 13)

## קאנאן דאָיל מיט דיא מתים.

דער בעקאנטער שריפטשטעלער "קאנען דאָיל" איז אהער געקומען פון ענגלאנד צו געבען "ספּיריטיסטישע" לעקטשורס. טויזענדע מענשען זיינען איהם געגאנגען הערען. ער האט געגעבען דעם עולם "מעסעדזשעס" פון יענער וועלט, און האט ערצעהלט אין זיינע לעקטשורס פון אלע זיינע געשפּרעכען מיט די גייסטער (נשמות) וועלכע זיינען אין אנאנדערער וועלט. זיי זאגען אז ער האט ניט נור פשוט דערצעהלט א מעשה'לע, זאנדערען ער האט טאקע געגעבען "בעווייזע" אז זיין אינטערוויו מיט די מתים איז א ריכטיגע און א טהאטזאך. ער האט אויך געוויזען "פאָטאָגראפישע בילדער" פון מתים וועלכע ער האט ארונטערגענומען בשעת ער האט מיט זיי אן אונטעררעדונג געהאלטען. אמעריקא האט געקאכט מיט דעם ענין. מאנכע האבען געגלויבט באמונה שלימה אז אלעם וואס "קאנאן דאָיל" האט זיי איבערגעליפערט אין זיינע לעקטשורס איז אמת וצדק. אנדערע ווידער האבען זיך גוט אויסגעלאכט פון קאנאן דאָילס אויפפאסונג פון די גייסטער און פון זייערע פאָטאָגראפישע בילדער.

דער איינדרוק וואס קאנאן דאָיל'ס ערצעהלונגען מאכען אויף די אינטעליגענטע און נארמאלע מענשען זעהט אויס קאָמיש און פאנטאסטיש. דער